איז דערפילט געוואָרן, וואָס עס איז געוואָרן געזאָגט
דורך ירמיהו הנביא, אַזוי צו זאָגן: און זיי האָבן
גענומען די דרייסיק שטיק זילבער, דעם ווערט פון
דעם געשעצטן, וועמען זיי האָבן געשאַצט, פון די
10 קינדער ישׂראל; און זיי האָבן זיי געגעבן פאַר דעם
טעפּערס פעלד, לויט ווי דער האַר האָט מיר געבאָטן.
11 און ישוע איז געשטעלט געוואָרן פאַר דעם
גובערנאַטאָר, און דער גובערנאַטאָר האָט אים
געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: ביסט דו דער קעניג
פון די יידן? און ישוע האָט געזאָגט: דו זאָגסט עס!
12 און ווען ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן דורך די
הויפּט־כהנים און זקנים, האָט ער גאָרנישט געענט־
13 פערט. דעמלט זאָגט פּילאַטוס צו אים: הערסט דו
14 נישט, וואָס זיי זאָגן אַלץ אויס קעגן דיר? און ער
האָט אים נישט געענטפערט, אַפילו נישט אויף
איין איינציק וואָרט, אַזוי, אַז דער גובערנאַטאָר
15 האָט זיך זער געוואונדערט. און אויף יעדן יום־טוב
איז דער גובערנאַטאָר געווען געוואוינט צו באַפרייען
פאַר דעם פאָלק איין געפאַנגענעם, וועמען זיי האָבן
16 געוואָלט. און זיי האָבן דעמלט געהאַט אַ גוט באַקאַנטן
17 געפאַנגענעם, וואָס האָט געהייסן בר־אבא. דעריבער
ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט פּילאַטוס צו זיי
געזאָגט: וועמען ווילט איר, אַז איך זאָל אייך
באַפרייען, בר־אבאן אָדער ישוען, וואָס מען רופט
18 אים משיח? וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז צוליב
19 קנאה האָבן זיי אים איבערגעגעבן. און בשעת ער
איז געזעסן אויף דעם כסא־המשפט, האָט זיין ווייב
צו אים געשיקט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט גאָרנישט
האָבן צו טאָן מיט דעם דאָזיקן צדיק; וואָרום איך
20 האָב היינט אַ סך געליטן אין אַ חלום דורך אים! די
הויפּט־כהנים אָבער און די זקנים האָבן איבער־